גליון
# חיים נצחיים
א ליכטיגקייט און קלארקייט אין עבודת השם, פונעם קוואל פון הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זצוקללה"ה און זיינע הייליגע תלמידים זיעועכי"א

לע"נ חברינו היקר הבלתי נשכח מוהר"ר **אברהם** ע"ה במוהר"ר **משה דוד** הי"ו **געטץ** נלב"ע א' דראש השנה תשע"ט לפ"ק

גליון **04** | פרשת **אחרי** תשע"ט

## 'געציילטע' טעג...

ארויסגענומען פון ליקוטי הלכות, פקדון ה"ד

**וואס איז דער אינערליכער באדייט פון די מצוה פון 'ספירת העומר'? וויאזוי קענען מיר זיך צוגרייטן צו 'קבלת התורה'? מיט וואס דינט דער מצוה פון 'ספירת העומר' – אלץ הכנה צו 'קבלת התורה'?**

אצינד, נאך וואס מיר האבן זוכה געווען אפצופראווען אזעלכע לעכטיגע סדרים און אזויפיל הייליגע מצוות, שטייענדיג אנפאנג פונעם בריק וואס ברענגט אונז אריבער פונעם יו"ט 'פסח' צו דער יו"ט 'שבועות' - די 'ניין און פערציג' טעג פון 'ספירה', לאמיר זיך אביסל מתבונן זיין אין די מצוה וואס דער בורא האט אונז געגעבן אלץ א הכנה צו 'קבלת התורה' - די מצוה פון 'ספירת העומר'. די טעג אין וואס כלל ישראל טוט זיך הייליגן און גרייטן אויף דעם 'פופציגסטן' טאג אין וואס מיר גייען מקבל זיין די הייליגע תורה פונעם אייבערשטן.

אין די מצוה פון 'ספירת העומר' - זאגט רבי נתן - ליגט באהאלטן א געוואלדיגע סוד נאנט צו ווערן צום אייבערשטן, וואס לויט ווי עס קומט אויס פון זיינע הייליגע רייד, איז נישט מעגליך מקבל צו זיין די תורה אָן איר.

ווי באקאנט, פארמאגט דער בעל דבר אסאך פארשידענע מיטלען אפצוהאלטן און שטערן א איד זיך צו דערנענטערן צום באשעפער. אבער איינע פון זיינע הויפט טאקטיקן איז דאס, אז ער מאכט אז דער מענטש זאל שפירן ווי כאילו - דער טאג אין וואס איך שטיי היינט - איז נישט מעגליך צו זיין א ערליכע איד! איך בין צו פארנומען, ווייל: איך האב היינט א חתונה, ביזנעס מיטינג, געפעכט מיט א שותף, א פלייט וואס וועקצופארן ערגעץ אויסערן לאנד. אדער בין איך סתם אזוי אין א שלעכטע גוסטע, עס איז פארוואלקנט, רעגנדיג, איינער האט מיר אויפגערעגט, מיין משגיח, מלמד, מנהל, ראש ישיבה, ראש הכולל, און אזוי ווייטער.

אזוי אויך טרעפט זיך צומאל דער מענטש סוף טאג, און ער טראכט צו זיך: עס איז שוין ממילא סוף טאג, איך האב שוין סייווי פארפאטשקעט רוב טאג אויף שטותים און נארישקייטן. בקיצור אין אנדערע ווערטער - דער 'היינטיגער' טאג איז שוין נישט מסוגל צו לערנען און דינען דעם אייבערשטן! דער מענטש טראכט, אי"ה 'מארגן' גיי איך מאכן א נייער אנהייב, מארגן פאנג איך אָן! אזוי כאפט דער מענטש אָן מיט זיינע אייגענע צוויי הענט - 'א גאנצע טאג' וואס דער אייבערשטער האט אים געשאנקען, און ערווארפט עס פשוט אין מיסט אריין.

איר מיינט אוודאי אז אין דעם קומענדיגן טאג וועט ער טאקע אנגעפאנגען א נייער אנהייב? איר האט א גרויסן טעות. דעם נעקסטן אינדערפרי וועט ער ווייטער האבן פארשידענע געשעפטן און רעגענישן וואס וועלן אים אוועקנעמען זיין קאפ. ווייל לויט ווי עס איז באוואוסט, מאכט דער יצר הרע שטענדיג זיכער צו האלטן פארנומען דעם מענטש פון אלע זייטן מיט אלע סארט געשעפטן, נישט וויכטיגע גלייך ווי וויכטיגע, אזוי אז עס דרייט זיך א רעדל - וואס אויב דער מענטש ברענגט דאס נישט באצייטנס צו קיין אפשטעל, וועט ער זיך כסדר טרעפן סוף טאג - אָן צו האבן אריינגעכאפט עפעס 'עשה טוב' פאר'ן אייבערשטענס וועגן.

> **זיי דיר כאטש מחיה מיט רצונות און השתוקקות צום אייבערשטן, דאס איז דאך אייגנטליך דער עיקר עבודה פון א איד!**

דערפאר איז דער הייליגער רבי מגלה, אז דער עיקר וואס דער אייבערשטער פארלאנגט פון א איד איז: "'**היום**' - אם בקולו תשמעו" - דער אייבערשטערווארט אויף דיין עבודה פון **היינט!** לייג נישט אפ פון איין טאג אויפן צווייטן. 'היינט' כאפ אריין וואס דו קענסט 'היינט', ווייל הלוואי זאלסטו קענען מארגן אָניאָגן דיינע מאָרגנדיגע אויפגאבעס וואס דו האסט צו טון פאר'ן אייבערשטן - ווער רעדט נאך פון אפלייגן די היינטיגע עבודה אויף צומארגנס. געדענק! די טעג פון א מענטש דא אויף דער וועלט זענען געציילטע... נישט בלויז די טעג זענען געציילטע, נאר אפילו די שעות. יעדע רגע וואס א מענטש פארוואַסערט, איז א פארלוסט אויף 'נצח נצחים'!

אפילו אויב דו דערזעהסט זיך באמת אין גאר אן ענגע צושטאנד, דו האסט ממש נישט קיין צייט גארנישט צו טון, דו קענסט זיך נישט צאמנעמען צו טון עפעס זאכליך, זאלסטו נאכנישט אפמאכן וועגן דעם אז דער טאג איז שוין א פארגאנגענהייט, נאר פרוביר זיך אנצוכאפן אויף סיי וואס, אויב קענסטו לערנען אביסעלע - 'לערן'! און אויב צו לערנען ביסטו אויך נישט מסוגל - דאן באשעפטיג זיך מער אין תפילה אדער התבודדות - 'זיך אויסשמועסן דאס הארץ מיטן אייבערשטן', אדער רעדן גאר מיט דיינס א גוטע חברותבי אין 'עבודת השם', אדער עוסק זיין אין א מצוה אדער גמילת חסד, און דאס גלייכן.

אויב קענסטו דאס אויך נישט באוויזן, דאן זיי דיר כאטש מחיה מיט רצונות און השתוקקות צום אייבערשטן וואס

*המשך בעמוד ב'*

## • מעט מן האור •

*ליקוטים מובחרים מתורתו של רביה"ק ותלמידיו בלשון קצרה ובסגנון קל, להחיות בהם נפש כל חי*

### פרשת השבוע

***בזאת יבא אהרן אל הקודש בפר***

*(ויקרא ט"ז, ג')*

**בזאת יבא אהרן אל הקודש**, היינו כשאדם רוצה ליכנס אל הקדושה, אזי אי אפשר לו ליכנס אלא **בפ"ר**, **בפ"ר אותיות רפ"ב**, היינו ע"י הלימוד של התורה "אזמרה לאלקי בעודי" המבואר בליקוטי מוהר"ן סי' **רפ"ב** (עיין שם):

*(מפי השמועה)*

### פרקי אבות

***כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא***

*(סנהדרין פ"י מ"א)*

מה שמתחילין קודם פרקי אבות **כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב** וכו', להורות, שאע"פ שהצדיקים אומרים לנו תוכחה בדרך בזיון, אין כוונתם לרחק אותנו ח"ו, אלא רק לקרב אותנו להשי"ת, ובאמת הם מעלין ומוצאין תמיד הטוב שבכל אחד מישראל אפילו כשערה, עד שע"ז באמת יש לכל ישראל חלק לעוה"ב:

*(ליקוטי הלכות, נזיקין ה"ד, אות כ"א)*

### אחר חג הפסח

***כי אקח מועד***

*(תהלים ע"ה, ג')*

כשאמר פעם אחת אחד מאנ"ש להרה"ק רבי נחמן אבדק"ק טשערין זצ"ל, אחר ימי הפסח, הנה כבר עברו ימי הפסח, אמר לו הרה"ק הנ"ל, שלא נכון לומר כן, אלא צריך לומר שהפסח כבר **נכנס** ולא שעבר, **"אריין גענומען דעם פסח"**, ע"פ מה שאמר רביז"ל בתורה קל"ה על הפסוק: **כי אקח מועד**, שמקבלין **ולוקחים** את **היו"ט**:

*(שיש"ק-ג, של"ב)*

קול
**משיב לשואל**
שו"ת בעבודת השם עפ"י דעת קדשו של רבינו הקדוש זיעוכי"א
**718.362.8870**

דאס איז דאך אייגנטליך דער עיקר עבודה פון א איד! (כמבואר בשי' הר"ן, נ"א). דער עיקר: ברענג נישט ארויף קיין איין רגע אויפן געדאנק - די פאלשע מסוכן'דיגע אויספיר, אז דער היינטיגער טאג איז אומזינסט באשאפן געווארן חלילה! **"לֵית יוֹם דְּלֵית בֵּהּ טוֹב!"** - זאגט דער 'רעיא מהימנא' פאר די הייליגע 'חבריא' אין זוה"ק (נשא קכ"ב.) - "נישטא קיין טאג וואס פארמאגט נישט עפעס 'טוב' אין זיך"! יעדן טאג האט זיך זיין עבודה אויף וואס דער מענטש קען זיך שטענדיג ארויפכאפן.

די מצוה פון 'ספירה' - ווי באוויסט - פארמאגט אין זיך א אינטערסאנטע חידוש וואס מיר געפונען נישט ביי קיין שום אנדערע מצוה. נעמליך, אז דער מענטש האט אויסגעלאזט איין טאג צו 'ציילן' - דאן האט ער דערלייגט די גאנצע קייט. אויף צומארגנס קען ער מער נישט ציילן מיט קיין ברכה. ביי אנדערע מצוות, אז א מענטש האט איין טאג אויסגעלאזט צו לייגן תפילין ח"ו, ווערט ער נישט דורכדעם פטור דעם נעקסטן טאג צו לייגן תפילין. דאס איז א אויסנאמליכער חידוש וואס מיר טרעפן בלויז ביי די מצוה פון 'ספירת העומר'.

וואס איז טאקע דער באדייט פון דעם? רבי נתן ערקלערט דאס, וויבאלד די מצוה פון 'ספירה' איז געגעבן געווארן אונז אריינצובאקן אין הארץ, אז יעדן טאג איז א טאג פאר זיך, יעדן טאג דארף ווערן עקסטער געציילט מיט גרויס פארזיכטיגקייט און עהרע, אזויווי א מענטש ציילט אפ די געלט פון זיין טייסטער, זיכער מאכנדיג, אז עס פעלט אים נישט קיין איין פרוטה.

דערפאר, אויב דער מענטש האט פארגעסן איין טאג צו ציילן ספירה, האט ער פארלוירן די שלימות פון די מצוה. וויבאלד דאס ווייזט, אז ער איז נישט גענוג מחשיב די טייערקייט פון יעדן טאג באזונדער, ער טראכט צו זיך, וואס וועט שוין זיין אז איך וועל אויסלאזן 'איין טאג' צו ציילן? דער טאג גייט שוין ממילא פארביי! - אט דאס איז דאך ממש דער קעגנזאץ פון די פנימיות'דיגע באדייט פון 'ספירת העומר' וואס קומט אונז צו לאזן הערן אז יעדן טאג עקסטער איז גאר באדייטנספול, קיין שום טאג קען זיך נישט ערלויבן צו געלייגט ווערן אין א זייט.

דאקעגן, ווי מער דער אייבערשטער זעט אז א מענטש זאפט איין אין זיך אט דער טיפזיניגער לימוד פון לעבן מיט דעם **היום**, מיטן **היינט**, ער קוקט נישט אויף נעכטן און אויף מארגן, אלץ מער טוט אים דער אייבערשטער געטרויען, און מען שענקט אים פון הימל די אומשאצבארע מתנה, די הייליגע תורה.

קראנטע ערציילונגען פונעם הייליגן רבי'ן און זיינע תלמידים:

# דער בחור דער קדוש

'נטע גורעליק' איז געווען דער נאמען פון אן איידעלע בחור, א ברסלב'ע מקורב. אויפגעוואקסן איז ער אינעם רוסישן שטאט מינסק, וואס זינט ער איז אנגעקומען קיין אומאן אין די תר"צ יארן, ווי ער איז נתקרב געווארן צום הייליגן רבי'ן, האט ער געלעבט א העכערע סארט לעבן, א לעבן פיל מיט כיסופים און דביקות צום אייבערשטן.

זיין דערהויבנקייט און דביקות אין עבודת השם האט בכלל נישט געשמעקט פאר די רוסישע ק.ג.ב. אגענטור, וועלכע האט געפירט א שטענדיגע קאמף מיט יעדע סארט נייגונג וועלכע האט געקענט אנדייטן אויף "אידישע פראקטיצירונג". 'נטע גורעליק' איז גאר שנעל ארויף אויף זייערע ראדארן אלס איינער וועלכע שטעלט א געפאר פאר'ן 'מוטער לאנד' רוסלאנד.

עס האט נישט גענומען קיין לאנגע צייט ביז נטע איז נעבעך פאראורטיילט געווארן צו דריי יאר צוואנגס-ארבעט אינעם פרעסטיגן 'סיביר', וואס בלויז ארויסזאגנדיג דאס ווארט, ברענגט ארויף שאק און שוידער, אבער פראקטיצירן אידישקייט איז ביי זיי געווען גענוג א שטארקע סיבה פאר אזא הארבע אורטייל.

אנקומענדיג קיין סיביר, האט נטע עפעס אנגעטראפן חן אין די אויגן פון די אויפזעערס דארטן, און זיי האבן אים פאַראָרדנט, אז אנשטאט מיטצוטיילן און אויסשטיין די ציפעדיגע טויטליכע פרעסטן, פון ווי - פול פון די אנגעקומענע 'געסט' האבן באוויזן מיטצומאכן בלויז 'דעם ערשטן ווינטער'... נישט קענענדיג אויסשטיין די שווערע ארבעט און אומדערטרעגליכע פרעסטן דורכאויס לאנגע שעות אונטערן בלויזן הימל, איז אבער נטע אריינגעשטעלט געווארן אין א רעלאטיוו ווארעמערע באראק, ווי עס איז געווען סטאנציאנירט די הויפט הייצונג סיסטעם פונעם גאנצן לאגער, ווי ער איז באאויפטראגט געווארן אנצופירן מיט די הייצונג. ווי פארשטענדליך איז דאס געווען דער וואונטש פון יעדן ארעסטאנט זיך צו קענען געפונען שטענדיג אין א געביידע וועלכע פארמאגט הייצונג.

נטע'ס פרייד איבער זיין גורל'דיגע געווינס האט אבער נישט אנגעהאלטן לאנג. קוים נאכן זיך איינקווארטירן מיט זיין ביסל האב און גוטס, האט ער באמערקט דעם בראך. אינעם זעלבן באראק האבן די רוסן אריינגעלייגט א גוי'יש מיידל, א טאכטער פון א גלח, און אט יעצט האט נטע געכאפט וואס דאס באדייט פאר אים, ער וועט זיך דארפן אויפהאלטן אין א באראק פאר די קומענדיגע דריי יאר, איינער אליינס געוצליך אפגעזונדערט פון סיי וועלכע משפחה פארבינדונג - מיט א גוישע מיידל. א טרייסל איז אים דורך אין דיביינער.

אונטער נארמאלע אומשטענדן וואלט דאס זיך אויפהאלטן אינעם ווארעמען באראק געווען ווי א גן עדן אין סיביר, אבער יעצט, זייענדיג פארבינדן מיט אזעלכע אומגעהויערע נסיונות אויף יעדן טריט און שריט, איז דאס ליבערשט פארוואנדלט געווארן פון א מאטעריאליסטישע באקוועמליכקייט צו א רוחניות'דיגן פארטיליגונגס לאגער. נטע איז געווען פארלוירן, "ווי וועל איך קענען דורכמאכן דא דריי יאר אונטער א שטענדיגע קאמף מיטן פלאמעדיגן יצר הרע?" פלעגן אים זיינע געדאנקען פלאגן.

פאר נטע, האט גלייך אריינגעבליצט אין קאפ וואס זיין באשלוס און שיקזאל וועט זיין, ער האט געטראכט צו זיך: "איך האב טאקע נישט קיין פיזישע אויסוועג זיך ארויסצודערזען פונעם פלאָנטער" – "אבער" - האט ער פעסט באשלאסן ביי זיך: "איך בין אריינגעקומען דא הייליג, און איך וועל פארלאזן דאס פלאץ לויטער און רייך".

'וויאזוי'? פאר נטע וועלכע האט שוין אנגעיאגט זיך צו דערוויסן איבערן אומשאצבארן כח התפילה, איז גלייך קלאר געווען, אז דאס וועט זיין די איינציגסטע וואפן וועלכע וועט זיין גענוג מאכטפול בייצוקומען דעם לאנגן, דריי-יעריגן, נסיון.

אין די פריע פארטאגס שעה'ן פלעגט נטע מאכן זיין וועג ארויס פונעם לאגער, ערגעץ טיף צו א פוסטע אפגעזונדערטע שטח וועלכע איז געווען באדעקט מיט א שניי-ציכטיגן איבערדעק, ווי סיי וועלכן לעבעדיגן געשטאלט האט נאך נישט באוויזן צו באטרעטן, דארטן, האט נטע זיך אויפגעהאלטן פון די פריע פארטאגס שעה'ן ביז צו די שפעטע נאכט שטונדן ווען די זייגער האט שוין געוויזן אויף די קליינע נומערן. און אט אזוי האט ער דארט געשריגן צום רבונו של עולם, מיט א קול געשטיקט פון הייסע טרערן:

"רבונו של עולם, איך בעט דיר, אויב דו ווייסט אז איך וועל חלילה נישט קענען ביישטיין דעם נסיון, און איך וועל נישט קענען בלייבן גענצליך ריין און לויטער ווי ביז יעצט, דאן וויל איך נישט לעבן מער! איך בעט דיר, נעם צוריק מיין נשמה צום כסא הכבוד שוין 'תיכף ומיד'" - - -

אזוי איז אריבערגעלאפן איין טאג, און א צווייטע, און פון א צווייטע צו א דריטע, א וואך נאך א וואך, חודש נאך חודש און יאר צו יאר. די געבעהט איז ארויסגעשריגן געווארן פון טיפסטן הארצן מיט א ריינע אמת, באגלייט מיט יאמערליכע געשרייען, ביז ער איז אנידערגעפאלן מאכטלאז, זיך אפרוענדיג עטוואס - צו קענען נאכאמאל שרייען...

צומאל פלעגט ער שפירן, אז נאך איין געשריי - און זיין הארץ רייסט זיך ארויס פון ארט, און אט גייט ער אויס, אבער ער איז פולקאם גרייט געווען דערויף. וואס האב איך פון מיין לעבן, אויב וועל איך ח"ו פארראטן מיין באשעפער וואס האט מיר באשאפן? - פלעגט ער שטענדיג חזר'ן צו זיך.

דער אייבערשטער האט נישט פארלאזט נטע'ן. נטע האט ווירקליך באוויזן בייצוקומען דער נסיון פון יוסף הצדיק, פארענדיגנ'דיג דריי יאר פון א שווערע געראנגל מיטן ס"מ זעלבסט.

ווען דער ענדגילטיגע טאג פון זיין באפרייאונג איז אנגעקומען, האבן די ארעסטאנטן אפגעראכטן אן אזוי-גערופענע גרויסע 'מסיבת פרידה'. און דאן האט זיך דאס גוי'ישע מיידל אויפגעשטעלט, און שטיל געמאכט די פארזאמלטע, זיך אנרופנדיג:

"אויב איז נאך דא אויף דער וועלט איין ריינע און הייליגער בחור - דאַן איז עס אָט דער איינער!" טייטלנדיג מיט אירע פינגער צו נטע'ס ריכטונג!

אלע זענען געשטאנען געפלעפט מיט אפענע מיילער... דער קידוש השם וואס האט דארטן אפגעקלינגען איז איבריג צו דערציילן!

א צייט שפעטער, ווען נטע האט איבערדערציילט זיין איבערלעבעניש פאר הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער ע"ה, האט ער זיך אויסגעדריקט צו אים: "ווען איך וואלט נישט געוואוסט די עצה פון 'תפילה' וויאזוי דער הייליגער רבי גיבט דאס ארויס, וואלט איך נישט בייגעשטאנען דעם נסיון!

(שפעטער איז ער נאכאמאל פארשיקט געווארן נאכ'ן פרובירן צו שתדל'ען צו באפרייען דעם איינע פון די גרויסע רוסישע רבי'ס. פון דאן אן האט מען אים מער נישט געזען... יהא זכרו ברוך, בתוך שאר הצדיקים והחסידים שנרצחו דמם על קדושת השם. הי"ד).

**ואלו יעמדו על הברכה**

מוה"ר **יחזקאל יואל סאמעט** הי"ו
קרית יואל
**שתרם 1,500 גליונות**
לרגל אירוסי בנו החתן **נחמן משה** נ"ו למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **משה ליכטער** הי"ו
מאנסי
**שתרם 1,000 גליונות**
לרגל הכנסת בנו הבחור **ישעי' דוד** נ"ו לעוע"צ
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **שלמה ראטשטער** הי"ו
קרית טאהש
**שתרם 1,000 גליונות**
לע"נ אביו הרה"ח **יהושע שלום** ב"ר יהודה עזריאל ע"ה
נפטר ב' אייר תשע"ח
ת.נ.צ.ב.ה

מוה"ר **נחמן פריעדמאן** הי"ו
קרית יואל
**שתרם 500 גליונות**
לרגל הכנסת בנו הבחור **צבי יוסף** נ"ו לעוע"צ
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **יעקב נתן אנשין** הי"ו
ירושלים
**שתרם 500 גליונות**
לרגל שמחת הולדת הבת למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

מוה"ר **יושע לאבין** הי"ו
סטעטן איילענד
**שתרם 500 גליונות**
לרגל שמחת הולדת הבת למז"ט
ימלא ה' כל משאלות לבו לטובה

**ספרי ברסלב** למכירה
כל ספרי ברסלב במחירים נוחים
וויליאמסבורג
**בית הספר געשעפט** 75 Lee Ave.
**ביהמ"ד ברסלב** 204 Lee Ave.
**ביהמ"ד אברכים ברסלב** 306 Rutledge St.